בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

**פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א**

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
ע״א

פרשת דברים
שנת תשפ״ד


## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת שְׁלַח שְׁנַת תשפ״ד

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת שְׁלַח שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע״א.**

### יֶעדֶער טַאטֶע אִיז אַ מְלַמֵּד

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים.

דֶער שִׁיעוּר גֶעבּ אִיךְ פַאר דִי מְלַמְּדִים, אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ גֶעאֵייגְנְט פַאר לֶערֶערִינְס אוּן עֶלְטֶערְן. עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן שׁוֹין קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים, זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ, וַוייל יֶעדֶער טַאטֶע אִיז אַ מְלַמֵּד פַאר זַיינֶע קִינְדֶער.

### דִי עֶכְטֶע עֶסְן פוּן אַ קִינְד אִיז לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט

דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מְלַמֵּד אִיז צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס קִינְדֶער דַארְפְן אִיז מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף זֵיי אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס אִיז פַאר זֵיי לֶעבְּן.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן מַיין מַאמֶע הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט פִּיטֶערְן נַאכְטְמָאל, פְלֶעגְט זִי מִיר דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת; דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן עֶלְטֶערְן, קִינְדֶער גְלַייכְן נִישְׁט קַיין פְלֵיישׁ אוּן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן, דַארְף מֶען זֵיי פַארְשְׁפִּילְן, אַוֶועקְנֶעמֶען זֵייעֶר מֹחַ, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן דִי גֶעזוּנְטֶע עֶסְן אִין מוֹיל. גֶעדֶענְק אִיךְ ווִי מַיין מַאמֶע פְלֶעגְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס, קֶען זַיין כְּדֵי אִיךְ זָאל ווִיסְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה הַיינְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ לַאנְד וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט אַן עֶקְסְפִּירֶעמֶענְט (אַ פָּארְשׁוּנְג) צוּ גֶעוואוֹיר וֶוערְן וָואס אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער; זֵיי הָאבְּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען נֵיי גֶעבּוֹירֶענֶע בֶּעבִּיס פוּן זֵייעֶרֶע מַאמֶעס, מֶען הָאט זֵיי אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט מִיט סְפֶּעצִיעֶלֶע מַאשִׁינֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיטָאמַאטִישׁ בַּאקוּמֶען יֶעדֶע דְרֵיי שָׁעָה עֶסְן, נָאכְדֶעם זָאלְן זֵיי זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוֹיף דִי בּוֹיךְ אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי לוּפְט, אוֹיךְ הָאט עֶס גֶעטוֹישְׁט דִי וֶועשׁ וֶוען עֶס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג טֶעכְנִישׁ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז קֵיינֶער זָאל גָארְנִישְׁט דַארְפְן טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, נָאךְ צְוֵוי דְרֵיי חֳדָשִׁים זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער גֶעשְׁטָארְבְּן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַמָאל גֶעוֶוען, אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער, אוֹיבּ וֶועט מֶען דָאס טוּן - וֶועט דָאס גֶעשֶׁעְן.

וַוייל דִי עֶסְן פוּן אַ קִינְד אִיז טַאקֶע מִילְךְ, אָבֶּער דִי 'עֶכְטֶע עֶסְן' אִיז לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, אַנֶערְקֶענוּנְג אוּן שֶׁעצוּנְג, מֶען זָאל אָנְכַאפְּן דֶעם קִינְד אוּן שֵׁיין רֶעדְן צוּ אִים.

### וַואוּו, אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׁיךְ, אַזַא שֵׁיינֶע הֶעמְד!

וֶוען אַ קִינְד קוּמְט אִין חֵדֶר אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: **"רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ נֵייעֶ שִׁיךְ"**, **"רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ אַ נֵייעֶ הֶעמְד"**, אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד זָאגְט אִים: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ, מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן"**, אִיז עֶר אַ נַארִישֶׁער מְלַמֵּד; עֶר טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד.

פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ מְלַמֵּד? וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע מַטָּרָה פוּן דִי חֵדֶר? אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. אַנְשְׁטָאט זָאגְן פַארְ'ן קִינְד: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ, מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן"**, נֶעם דֶעם קִינְד אוּן זָאג אִים: **"וַואוּו, אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׁיךְ, אַזַא שֵׁיינֶע הֶעמְד"**.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַזוֹי נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם, וַוייל מֶען הָאט לֶעצְטְנְס גֶעקוֹיפְט נֵייעֶ שִׁיךְ פַאר מַיין קְלֵיין קִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ

## לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט

אִים גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת דְרֵיי חֳדָשִׁים צוּרִיק, וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה, אִיז עֶר צוּגֶעלָאפְן צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט: **"טַאטִי, אִיךְ הָאבּ נֵייעֶ שִׁיךְ!"** צוּמָארְגְנְס וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה, אוּן דֶער חֵדֶר אִיז דָאךְ אִין דֶעם זֶעלְבְּן בִּנְיָן פוּן דִי יְשִׁיבָה, הֶער אִיךְ ווִי עֶר שְׁרֵייט אוֹיס הוֹיךְ פַאר יֶעדְן: **"אִיךְ הָאבּ נֵייעֶ שִׁיךְ!"** אַ צְוֵוייטֶער מְלַמֵּד וָואלְט אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן!"** אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, הֶער אִיךְ ווִי דֶער מְלַמֵּד זָאגְט אִים: **"פְּשִׁי, נֵייעֶ שִׁיךְ, וַואוּו"**, אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען נָאךְ קִינְדֶער גֶעקוּמֶען לוֹיפְן ווַייזְן זֵייעֶרֶע נֵייעֶ שִׁיךְ אוּן נֵייעֶ הֶעמְדֶער פַארְ'ן מְלַמֵּד.

קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען נָאךְ פַארְלַאנְגֶען: 'קוּק אוֹיף מִיךְ', 'רֶעד צוּ מִיךְ'; וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט מֶען שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט, מֶען זָאגְט: **"אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין אַטֶענְשָׁאן"**, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ מוֹדֶה צוּ זַיין ווִי שְׁטַארְק מֶען וַוארְט דֶערוֹיף.

### גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אַלֶעס

מְלַמְּדִים מֵיינֶען, אוֹיבּ מֶען גֵייט קוֹיפְן מַתָּנוֹת פוּן דָא בִּיזְ'ן דַאךְ, אָדֶער מֶען גֵייט פָארְן אוֹיף אַ טְרִיפּ (אַן אוֹיסְפְּלוּג) וָואס מֶען גֵייט שְׁלָאפְן בַּייטָאג אוּן זַיין אוֹיף בַּיינַאכְט, מֶען גֵייט מְשׁוּגָע מַאכְן דִי קִינְדֶער, גֵייט מֶען וֶוערְן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד; אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין חָסִיד פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין חָסִיד פוּן סְפּוֹילְן (צֶערְטְלֶען) דִי קִינְדֶער מִיט זַאכְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל מַאכְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד דִי אַלֶע זַאכְן; זַיי דָא פַארְ'ן קִינְד, קוּק אוֹיף דֶעם קִינְד, גֶעבּ אִים אַ גוּט וָוארְט, זָאג אִים: **"בִּיסְט אַזוֹי גוּט, בִּיסְט אַזוֹי וואוֹיל"**, דָאס אִיז בֶּעסֶער פוּן אַלֶעס.

עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אַלְץ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם מְלַמֵּד, אוּן דֶער מְלַמֵּד

טְרַאכְט: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ אִים, עֶר פְּרֶעגְט מִיךְ אַלְץ אַזֶעלְכֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת וָואס אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן', דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אַלְץ עֶנְטְפֶערְן, מֶען דַארְף אִים אָבֶּער זָאגְן: **"וַאווּ, דוּ פְּרֶעגְסְט אַזוֹי גוּט, דוּ בִּיסְט אַזַא קְלוּגֶער אִינְגֶל, אִיךְ גֵיי עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר דַיין טַאטֶע!"**

## גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, נִישְׁט קֵיין מַאשִׁינֶען

אִיךְ בֶּעט עֶנְק טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס אוּן עֶלְטֶערְן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין טֶעכְנִישֶׁע חֵדֶר, אִיךְ דַארְף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער; אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין מַאשִׁינֶען.

מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּ מִיר בֶּעטְן הִילְף, הֶער אִיךְ פוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן דֶעם זֶעלְבְּן גֶעשְׁרֵיי: אִיךְ בִּין אַ טֶעכְנִישֶׁער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי אַ רָאוּבַּאט, אִיךְ קוּם אוּן גֵיי, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין גֶעפִילְן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהֶעפְטְן מִיט מַיין וַוייבּ, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהֶעפְטְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין נָארְמַאלֶע צוּגַאנְג מִיט מֶענְטְשְׁן, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען מִיט רוּל'ס (תַּקָּנוֹת) אוּן רֶעגוּלַאצְיֶעס, אָן הַארְץ.

דִי מֶענְטְשְׁן זִיצְן נֶעבֶּעךְ אָפּ זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן בַּיי טֶערֶעפִּיסְטְן, זֵיי לֵייגְן אַוֶועק פַאר דֶעם זֵייעֶר גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן בְּלוּט, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט דָארְט אַלֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, פַארְוָואס? וַוייל מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ מַאשִׁין, אָן קֵיין גֶעפִילְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן: **"קוּק דַיין וַוייבּ אִין דִי אוֹיגְן, אוּן זָאג אִיר אַ גוּט וָוארְט"**, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: **"וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זָאגְן אַ גוּט וָוארְט פַאר מַיין וַוייבּ, ווען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט לִיבּ?! אִיךְ קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אָבֶּער אִיךְ לֶעבּ נִישְׁט, אִיךְ בִּין טוֹיט!"** דָאס קוּמְט נֶעבֶּעךְ וַוייל קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקוּקְט אִין דִי אוֹיגְן אַלְס קִינְד אוּן גֶעזָאגְט: **"וַאווּ, בִּיסְט אַזַא וואוֹיל קִינְד"**.

מֶען קֶען יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן דִי עֶלְטֶערְן, פַארְוָואס מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין וַוארֶעמְקֵייט אַלְס קִינְד, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין וַוארֶעמְקֵייט, אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד נִידְלְט דִי קִינְדֶער מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶר זָאגְט כְּסֵדֶר: **"פְּשְׁשְׁשְׁ, קוּק אָן דֶער אִינְגֶל, דָאס אִיז דָאךְ מַיין בֶּעסְטֶער תַּלְמִיד!"** וֶועט דָאס אִים שׁוֹין גֶעבְּן לֶעבְּן, אוּן דֶער קִינְד וֶועט שׁוֹין ווִילְן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת.

## אָךְ אוּן וֵויי פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס גְלֶעט דִי וֶועידְזְשֶׁעס

אַסַאךְ מָאל זֶע אִיךְ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים קוּמֶען נֶעבְּן מִיר, זֵיי שְׁטְרֶעקְן אוֹיס זֵייעֶר פָּנִים, זֵיי ווִילְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אִים גֶעבְּן אַ גְלֶעט אִין פָּנִים; אַ גְלֶעט פוּן אַ רֶבִּי אִיז אַזוֹי גוּט, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, אַ מְחַיֶה; עֶס אִיז לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר פְלֶעגְט זֵיי גְלֶעטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט פַאר אַ פְרוֹי פוּן יַבְנְאֵל, וָואס רֶעדְט זִיךְ אָפּ אַז דֶער מְלַמֵּד פוּן אִיר זוּן אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, וַוייל דֶער מְלַמֵּד גְלֶעט אִיר זוּן, שְׁרַייבְּט אִיר מוֹהֲרָא"ש: אַוַודַאי אִיז דָא אַזַא זַאךְ פוּן מְלַמְּדִים מְנֻוָּלִים, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זֵיי, אָבֶּער אַז אַ מְלַמֵּד כַאפְּט אָן אַ קִינְד אוּן גְלֶעט דֶעם קִינְד, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר הָאט לִיבּ דֶעם קִינְד; דָאס אִיז דָאךְ אַ מְלַמֵּד, עֶר הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער [בַּיים סוֹף פוּנֶעם שִׁיעוּר, מִכְתָּב א', אִיז בַּייגֶעלֵייגְט אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס רֶעדְט פוּן דֶעם נוֹשֵׂא].

אָךְ אוּן וֵויי פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס כַאפְּט אָן דִי וֶועידְזְשֶׁעס (גֶעהַאלְט) אוּן גְלֶעט זַיי; דִי גַאנְצֶע זַאךְ פַארְוָואס עֶר קוּמְט אִין חֵדֶר אִיז נָאר צוּלִיבּ זַיין וֶועידְזְשׁ.

וֶועגְן דֶעם אַלֵיינְס טְרַאכְט אִיךְ פוּן צָאלְן אַ קְלֶענֶערֶע גֶעהַאלְט פַאר מְלַמְּדִים, כְּדֵי אוֹיבּ אֵיינֶער טְרַאכְט נָאךְ פוּן מַאכְן גֶעלְט, זָאל עֶר גֵיין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ אַרְבֶּעטְן, וַוייל דָא וֶועט עֶר נִישְׁט פַארְדִינֶען קֵיין גֶעלְט, דָא קוּמְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער.

## מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער בַּיים הַפְסָקָה

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן פוּן דִי מְלַמְּדִים: דָאס וָואס מֶען מַאכְט אַ הַפְסָקָה בַּיי רִיסֶעס אוּן בַּיי לָאנְטְשׁ, אִיז נִישְׁט פַאר דִי מְלַמְּדִים.

עַל פִּי הֲלָכָה אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ הַפְסָקָה אִינְמִיטְן טָאג פַאר מְלַמְּדִים, אַ מְלַמֵּד קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן חֵדֶר בַּיי הַפְסָקָה.

אוֹיבּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַ סִיבָּה אַז מֶען מוּז אַהֵיימְגֵיין צוּ דִי וַוייבּ, אָדֶער עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען, מוּז מֶען זָאגְן פַאר דֶער מְנַהֵל אַז מֶען דַארְף אַוֶועקְגֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער כַּצֹּאן בְּלִי רוֹעֶה.

יֶעצְט אִיז סוֹף יָאר, אִיךְ נֶעם זִיךְ דָאס יֶעצְט אוֹיס פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר; רִיסֶעס אוּן לָאנְטְשׁ אִיז נִישְׁט פַאר מְלַמְּדִים, קֶענְסְט נִישְׁט נֶעלָם וֶוערְן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אַלֶע מְלַמְּדִים וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, אָבֶּער אִיךְ וֶועל זִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד וָואס לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה יֶעדֶע רִיסֶעס אוּן לָאנְטְשׁ, עֶר וֶוערְט נֶעלָם, אוּן דִי קָאפּ לִיגְט אִים אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן, אַז עֶר וֶועט נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז עֶר וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין אַן אַנְדֶערֶע בִּיזְנֶעס. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ תַּלְמִידִים וָואס אִיךְ קֶען אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִין דֶעם פַאךְ, אִין אָנְהֵייבּ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין מְלַמְּדִים, הַיינְט אִיז יָא דָא, אִיךְ וֶועל נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט יָא אַ גֶעפִיל צוּ קִינְדֶער.

עֶס אִיז טַאקֶע לָאנְטְשׁ, דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן צְווִישְׁן זִיךְ, מֶען דַארְף אָבֶּער דֶעם מְלַמֵּד, עֶר זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן וִוי אַזוֹי דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ, צִי מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ אֵיידְל, אוּן אוֹיבּ אִיז חַס וְשָׁלוֹם דָא אַ קִינְד וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן אוּן טוּט מִיט אִים נִישְׁט קֵיין אֵיידֶעלֶע זַאכְן; יֶעצְט קֶען מֶען עֶס נָאךְ רַאטֶעוֶוען, יֶעצְט קֶען מֶען אִים נָאךְ זָאגְן אַז מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג אוּן מֶען דַארְף זִיךְ שְׁפִּילְן אֵיידְל, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען זָאגְט נִישְׁט פַאר קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אַז מֶען דַארְף זַיין הֵיילִיג, וֶועלְן זֵיי עֶס נִישְׁט ווִיסְן, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן וֶוערְן עֶלְטֶער וֶועט מֶען זֵיי דַארְפְן אַיינְשְׁפַּארְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

## אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין חֵדֶר פוּן שֵׁיינֶע הֶעפְטְן

דִי מְלַמְּדִים קֶענֶען אוֹיךְ זִיךְ אָפְּרוּעֶן בַּיי הַפְסָקָה, מֶען קֶען גֵיין עֶפֶּעס עֶסְן אוּן זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן, עֶס אִיז אַ לוּפְטִיגֶע צַייט, אָבֶּער אַוֶועקְפָארְן פוּן חֵדֶר, אָדֶער זַיין פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער, דָאס נִישְׁט.

בִּכְלַל אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן זִיצְן אוּן מַאכְן שֵׁיינֶע פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע צֶעטְלֶעךְ פַאר דִי קִינְדֶער מִיטְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער - אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, אִיךְ דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין צֶעטְלֶעךְ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין חֵדֶר פוּן שֵׁיינֶע הֶעפְטְן.

וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר מִיט זֵייעֶרֶע צֶעטְלֶעךְ, וַוארְף אִיךְ אַלֶעס אַוֶועק, אִיךְ קוּק אֲפִילוּ נִישְׁט דֶערוֹיף, אוֹיסֶער דִי נִישְׁט פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע עִבְרִי צֶעטְלֶעךְ וָואס דֶער כִּתָּה א' מְלַמֵּד מַאכְט, וָואס אִיז שִׁיף אוּן שְׁוַוארְץ בַּיי דִי זַייטְן... דָאס קוּק אִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר דֶער סְגַן מְנַהֵל אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיין צֶעטְלֶעךְ, אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן אַז יֶעדֶער מְלַמֵּד זָאל זִיךְ מַאכְן זַיינֶע צֶעטְלֶעךְ הַאנְט גֶעשְׁרִיבְּן [בַּיים סוֹף פוּנֶעם שִׁיעוּר, מִכְתָּב ב', אִיז בַּייגֶעלֵייגְט דער בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א]. וֶוען מֶען דַארְף שׁוֹין יָא אַ צֶעטְל, אוּן דֶער סְגַן מְנַהֵל גְרֵייט עֶס אָן, אִיז פֵיין, אָבֶּער דֶער מְלַמֵּד זָאל זִיצְן אַ הַאלְבֶּע טָאג מַאכְן צֶעטְלֶעךְ אוּן קוּנְטְרֵסִים, דָאס טָאר נִישְׁט זַיין.

# הַמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת שְׁלַח שְׁנַת תשפ"ד

### דִי מְלַמְדִים דַארְפְן זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן

אִיךְ דַארְף מְלַמְדִים וָואס טוּעֶן זֵייעֶר אַרְבֶּעט בְּנֶאֱמָנוּת, זֵיי זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה. אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין קַאוּנְסְלֶערְס וָואס שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער, פִּיר אַזֵייגֶער וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט חֵדֶר וֶועל אִיךְ אוֹיפְנֶעמֶען קַאוּנְסְלֶערְס וָואס זָאלְן שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער.

אָבֶער דֶער עִיקָר אִיז דִי לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן כְּדֵי אַ מְלַמֵד זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, דַארְף זִיךְ דֶער מְלַמֵד אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן, אוּן וִויסְן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ אוּן אִיךְ בִּין חָשׁוּב'.

### עֶר וֶועט עֶס גֶעדֶענְקֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן

גֶעבְּט 'אַ גוּט מָארְגְן' מִיט אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ קִינְד, דִי לִיבְּשַׁאפְט אִיז אוֹיל פַאר אַ קִינְד, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס קִינְדֶער דַארְפְן.

דְרֵיי יָאר צוּרִיק פְלֶעג אִיךְ פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, אַכְט אַזֵייגֶער, אֵיין טָאג נָאכְ'ן פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אִיז אַ בָּחוּר צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, עֶר זָאגְט מִיר: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט זֵייעֶר גוּט פָאר!"** אִיךְ גֶעדֶענְק עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט! אִיךְ בִּין שׁוֹין צְוֵויי אוּן פֶערְצִיג יָאר אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַ גוּט וָוארְט וָואס אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט.

דֶערְפַאר זָאג אִיךְ פַאר דִי מְלַמְדִים, וֶוען דוּ זֶעסְט אַ קִינְד, אֲפִילוּ אַ קְלֵיין קִינְד, גֶעבּ אִים אַ גוּט וָוארְט, עֶר וֶועט עֶס גֶעדֶענְקֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן דָאס וֶועט אִים מַאכְן זַיין גֶעזוּנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִייַעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

### מִכְתָּב א'

#### אַז דֶער מְלַמֵד גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט פַאר קִינְדֶער, אִיז עֶס נִישְׁט שְׁלֶעכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אַז דֶער מְלַמֵד קִיצְלְט דִי הֶענְט בִּיז אוּנְטֶער דִי אָרֶעם פוּנֶעם קִינְד - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן שְׁלֶעכְטְס, דָאס אַז אַ סִימָן פוּן אַ פְרֵיילִיכֶער מְלַמֵד וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי קִינְדֶער, אוּן אַז דֶער מְלַמֵד גְלֶעט דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּט דִי קִינְדֶער לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט - אִיז דָאס נִישְׁט אַ סִימָן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד אוּן עֶר הָאט גֶעגְלֶעט דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי הָאט אוֹיךְ מוֹהֲרָא"שׁ גֶעטוּן.

מַאכְט נִישְׁט פוּן יֶעדֶע זַאךְ אַ בֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

### מִכְתָּב ב'

#### דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מִיט גוּטֶע מִידוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען אִין חֵדֶר אוֹיפְצוּלֶעבְּן דִי קִינְדֶער אוּן הֶעלְפְן דֶעם מְנַהֵל מִיט דִי מְלַמְדִים, נִישְׁט צוּ זִיצְן בַּיים קָאמְפְּיוּטֶער אוּן פַארְבְּרֶענֶען דִי טֶעג אוּן דִי נֶעכְט, מִיר אַרְט נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן דִי שֵׁיינֶע פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע צֶעטְלֶעךְ, מִיר אִינְטֶערֶעסִירְט נָאר דִי אֵיין זַאךְ, דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, לֶעבְּן מִיט גוּטֶע מִידוֹת; אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין סְגַן מְנַהֵל פַאר צֶעטְלֶעךְ, יֶעדֶער מְלַמֵד קֶען זִיךְ מַאכְן זַיינֶע צֶעטְלֶעךְ הַאנְט גֶעשְׁרִיבְּן וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שִׁמְל נִישְׁט אָפּ אִין אָפִּיס; דֶער קָאמְפְּיוּטֶער קֶען אַזוֹי פַארְדְרֵייעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִים אַזוֹי פַארְנַארְן, אַז מֶען מֵיינְט מֶען טוּט אוֹיף אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְט דִי טֶעג אוּן יָארְן; רֶעד אַדוּרְךְ מִיטְן מְנַהֵל וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### פַארְוָואס אִין חֵדֶר בִּין אִיךְ מַצְלִיחַ, אוּן אִינְדֶערְהֵיים נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֶועל גְלַייךְ צוּגֵיין צוּם עִנְיָן, אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד בָּרוּךְ ה', אוּן בַּיי מִיר אִין כִּתָּה אִיז מוֹרָא'דִיג גֶעשְׁמַאק אוּן פַּאזִיטִיוו, אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, אִיךְ לוֹיבּ אוּן רוּם יֶעדְן אוֹיס, אִיךְ שְׁמֵייכְל צוּ יֶעדְן, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה' פַאר מִיט גֶעשְׁמַאק, אִיךְ פָאלְג וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט פַאר דִי מְלַמְדִים.

וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז חֹשֶׁךְ עָנָן וַעֲרָפֶל, אִיךְ שְׁרֵיי אוֹיף דִי קִינְדֶער, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טֵיילְן פְּסָקִים. דֶעם יוֹם טוֹב הָאבּ אִיךְ עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעשְׁלָאגְן מַיין זוּן, אוּן אֵיין מָאל מַיין טָאכְטֶער.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז מַיין זוּן אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אוּן מַיין טָאכְטֶער זָאגְט יֶעדֶע מִינוּט "נֵיין" פַאר מַיין וַוייבּ אוּן פַאר מִיר. אוּן וִוי נָאר עֶס וֶוערְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, בִּין אִיךְ מַקְפִּיד אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶס וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר פְרֶעגְן, "פַארְוָואס טַאקֶע אִיז דָאס אַזוֹי?", אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיס צוּ הָאבְּן, צִי עֶס הָאט מִיט דֶעם אַז מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט אַיינְשְׁטִימִיג מִיט מִיר אוּן זִי שֶׁעצְט מִיר נִישְׁט, דֶערְפַאר אִיז מַיין מֹחַ עֶנְג אוּן אִינְדֶערְהֵיים פַארְלִיר אִיךְ דֶעם שְׁמֵייכְל, אוּן דִי לוּפְט וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן, בִּכְלַל שְׁפִּיר אִיךְ וִוי בַּיי דִי חִינוּךְ שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ מֶער קְלָאר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֵייגְט אַרָאפּ דֶעם שְׁפְּרַאךְ וִוי אַזוֹי מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, אָבֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי בִּפְרָטִיּוּת, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט נִישְׁט דֶעם מָשָׁל וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אַ שְׁטוּבּ פַּאזִיטִיוו אוּן פְרֵיילִיךְ, וָואס צוּ זָאגְן פַאר דִי וַוייבּ אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קוּמְט אַהֵיים, וָואס זָאגְט מֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מֶער קְלָארֶער. אָדֶער קֶען זַיין אַז אִין חֵדֶר אִיז עֶס אַבִּיסְל 'גֶעמַאכְט', 'כְּלוֹמַר'שְׁט', מֶען מַאכְט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מֶען גְרִיסְט יֶעדְן מֶען רִימְט יֶעדְן וְכוּ', ווִידֶער אִינְדֶערְהֵיים אִיז עֶס צוּ אֶמֶת'דִיג? עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי אַרָאפְּגֶעלָאזְקֵייט צוּ שְׁמֵייכְלֶען וְכוּ'. אוֹיךְ קֶען זַיין אַז אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן וָואס דָאס קוּמְט.

בָּרוּךְ ה' אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט בַּיי יֶעדֶע בְּרִיוו צוּגֶעטְרָאפְן קְלָארֶער מַיין מַצָּב וִוי אִיךְ אַלֵיינְס, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הֶעלְפְן בִּיטֶע?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

חינוך הבנים והבנות איז נישט קיין גרינגע זאך, עס איז פון די שווערסטע עבודות, מען דארף האבן אייזערנע נערוועץ זיך צו קענען האלטן רואיג און פריילעך, מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, בפרט ווען עס קומט יום טוב ווען מען זיצט א גאנצע וואך אין שטוב מיט די קינדער, נאך א סעודה און נאך א סעודה, דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל בלייבן פריילעך און וויסן ווי אזוי צו מחנך זיין די קינדער, ווען צו זאגן, וויפיל צו זאגן און ווי אזוי צו זאגן.

הדבר הראשון זאלסטו מער נישט נוצן קיין הענט, נישטא אזא זאך שלאגן קינדער, דער רבי איז געווען זייער שטרענג אויף דעם, מען זאל נישט שלאגן די קינדער. דער רבי האט געזאגט: "וואס מען פועל'ט מיט שלעכטס וואלט מען געקענט בעסער און גרינגער פועל'ן מיט גוטנס", געענדיגט מיט נוצן הענט, נוץ די הענט נאר צו גלעטן און צו קניפן אין בעקל, געענדיגט מיט שלאגן.

שנית זאלסטו זיך נישט אראפקלאפן, אפילו דיין ווייב איז מיט דיר נישט איינשטימיג, זי האט איר גאנג וכו', זאל דיר דאס נישט אראפווארפן; איי וועסטו פרעגן ווי אזוי מאכט מען דאס? ווי קען מען זיין בגדלות המוחין אז מען לעבט מיט א ווייב וואס איז מזלזל? דער ענטפער איז, דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן פב), ווען מען איז זיך מבטל צום אייבערשטן, מען וויל גארנישט, מען וויל נאר טון די רצון השם, מען האט ליב די ווייב ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן, נישט ווייל מען גייט צוריק באקומען פון איר עפעס, און נישט ווייל זי וועט זיין שיין צו מיר און רעדן שיין, נאר ווייל דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די פרוי און מיט איר האב איך קינדער, וועל איך איר ליב האבן - דעמאלט - זאגט דער רבי - ווערט די ווייב בטל צום מאן און מען קען לעבן א חיים טובים.

קלאפ זיך נישט אראפ, ערוואורט נישט גארנישט פון דיין ווייב, און אז דיינע קינדער פאלגן נישט, זאלסטו זיי זאגן מיט ליבשאפט: "דער אייבערשטער זאגט מען דארף פאלגן א טאטע און מאמע, און אז מען פאלגט א טאטע און מאמע באקומט מען א גרויסע שכר", די ווערטער זאלסטו זיי זאגן מיט ליבשאפט, (מיט א שטרענגע פנים אבער מיט ליבשאפט).

ועל כולם גיי יעדן אינדערפרי ווייז זיך אויס צום אייבערשטן, בעט אים איבער און בעט אים ער זאל דיך מקרב זיין, בעט אים ער זאל דיר געבן ליבשאפט, דיר ווייזן אז ער האט דיך ליב, דערצייל אים ווי שטארק דו ביסט צעקלאפט ביי דיר, דערצייל אים ווי דו שפירסט זיך ווי א שמאטע וכו' וכו', בעט אים ער זאל דיר מאכן שפירן גוט, דו זאלסט האבן א שטארקע אמונה און געדענקען אז מען גייט שוין באלד צוריק אהיים און מען נעמט גארנישט מיט, מען נעמט מיט נאר מצוות און מעשים טובים און די דורות וואס מען לאזט איבער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת קדושים תשפ"ד)

## איך האב פארלוירן מיין סבלנות, מעג איך זיין מלמד?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

ביז יעצט האב איך אויך נישט געהאט קיין סאך סבלנות אין חדר, און איך האב זיך צומאל פארלוירן און געשלאגן, יעצט האב איך פארלוירן א גרויס חלק פון מיין געהאלט, און איך האב נאך ווייניגער סבלנות. מעג איך זיין א מלמד?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תצוה, שובבי"ם, י"א אדר א', שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אויסדריקליך אז נישט, אויב דו פארלירסט זיך און דו שלאגסט די קינדער - טארסטו נישט זיין קיין מלמד. מוהרא"ש זאגט, א מלמד וואס נוצט הענט - טאר נישט זיין קיין מלמד, און אז ער זוכט פרנסה זאל ער גיין ארבעטן ביים צאמנעמען די מיסט און אויסגעבן די כעס אויף די קאנעס, אזוי ווי מען זעט ביי די וואס ארבעטן ביי די מיסט ווי זייווארפן די קאנעס מיט כעס און רציחה.

שלאגן פון פארלוירנקייט - איז פארקערט פון חינוך, בכלל שלאגן איז נישט גוט. דער רבי האט נישט געלאזט שלאגן, דער רבי האט פארגעהאלטן רבי נתן היתכן ער האט געגעבן א פראסק פאר זיין זון, און דאס איז אויך נישט געווען פון פארלוירנקייט, רבי נתן האט געטראכט אז זיין זון וויל נישט פאלגן, אריינקומען זיצן נעבן דעם גאסט וואס האט געהאט א שלעכטע שווערע גערוך, האט אים רבי נתן געגעבן א פאטש, און מיט דעם אלעם האט דער רבי אים פארגעהאלטן: "א קינד שלאגט מען?" און זיכער נישט ווען מען ווערט פארלוירן און מען טיילט פעטש רעכטס און לינקס, אזא איינער טאר נישט האבן מיט קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת כי תשא תשפ"ד)


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876